# אשי ישראל
# השלם



## אידיש



ל״ב

# רבי אלטר קרעמענטשוג'ער ז"ל

*(המשך)*

*[רבי ישראל מדבר מענין המכתב מרבינו הקדוש ז"ל]*

... אוי געוואלד, געוואלד, געוואלד. א דרויסנ'דיגער מענטש קען מיינען - מסתמא דער ישראל בער זאגט נישט ארויס, ער באהאלט. אבער איך ווייס דאך דעם אמת...

און איך אליין, כאטש כ'האב געזעהן מער ווי אן אנדערער - אן אנדערער הערט עפעס, אבער איך בין דאך געווען אין דעם, כ'האב געזעהן וויאזוי ס'האט זיך צוגעפירט די סיבות צו דעם - - אזוי מיט די התקרבות האט זיך צוגעפירט סיבות, פלוצלינג איז געווארן א סיבה כ'האב געפונען די בלעטלעך, און ס'איז געווארן פון דעם - - איז מיר געווען קשה צו פארשטיין, ס'איז מיר געווען ביטער, וואס הייסט "**נהנתי מאד מעבודתך**"?! מיין עבודה?! און - "**תלמידי היקר**"?! איז מיר געווען זייער שווער, ס'איז מיר געווען קשה.

אבער דער אמת איז אז ס'טאר נישט קשה זיין, ווייל "אמת ה' לעולם", און ס'טאר נישט קשה זיין. און אז ס'איז נישט קשה, אז מ'שטארקט זיך אין די אמונה, זעהט מען דאס אז ס'איז גארנישט קשה!

*

*[סיפור מת"ח א' שביטל התנגדותו בכח ר' ישראל קארדונר ז"ל]*

דאכט זיך כ'האב דיר שוין דערציילט - - ס'איז געווען א קארלינער חסיד, ער איז שוין נישטא, אבער דעמאלטס איז ער געווען א יונגערמאן, איך בין געווען יונגער פון איהם, ער האט געהייסן 'ישראל גאלדהאבער', זיין פאטער האט געהייסן 'קאפל', מ'האט איהם גערופן ישראל קאפל'ס. ער איז געווען א שארפער למדן, א רב - אין טבריא, און בטבע איז ער געווען א תקיף בדעתו, און ער איז געווען א שטרענגער מענטש - זיינס א דיבור איז געווען א פחד, ער איז געווען זייער א שטרענגער מענטש. נו, ער איז געווען א מתנגד, ער האט געוואוינט לעבן דער שוהל, לעבן דער חצר וואו רבי מאטל (סלונימ'ער זצ"ל) האט געוואוינט - ער האט געוואוינט אין דער זייט און דער האט געוואוינט אין דער זייט. איז פלעג ער זיין אין שוהל כסדר, און פלעגט לערנען. איך בין אויך געווען אין שוהל, און איך בין געשלאפן אין שוהל, פלעג איך ליינען קריאת שמע, איך האב געהאט א שערי ציון, פלעג איך ליינען פון שערי ציון קריאת שמע. און איך פלעג אויפשטיין פארטאג, כ'פלעג זאגן חצות, איך פלעג לערנען ליקוטי מוהר"ן. נו, האט געברענט א פייער, איך האב געלערנט מיט אן התלהבות און מיט א ווארעמקייט. [כאטשיג - וואס האב איך געוואוסט פון די תורות, אבער דער הייליגער רבי לאזט זיך אראפ צו יעדן איינעם און רעדט מיט יעדן איינעם...].

על כל פנים, ער האט געזעהן די צוויי זאכן, און ער איז דאך א מתנגד, פלעג ער צוקומען צו מיר מיט אזא מין כעס - כ'האב געמיינט אז ער הרג'עט מיר, ער גייט צו צו מיר ממש מיט די הענט; פאר דיר איז געמאכט שערי ציון?! ביסט ערגעץ א איד?! און אזוי - וואס לערנסטו עפעס נאר ליקוטי מוהר"ן?! ס'איז נישטא נאך ספרים?! ס'איז נישטא קיין גמרות?! ס'איז נישטא נאך ספרים?!... ער איז געווען אויף מיר להרוג ולאבד... ווארן בטבע איז ער געווען א שטרענגער, און זיין דיבור איז געווען זייער שטרענג, און ער האט גערעדט אזוי שארף, און ער איז געווען א מתנגד, האט ער זיך אין מיר נוקם געווען, און האט פון מיר געמאכט אש און פארעך...

דער זעלבער יונגערמאן, האט דער אייבערשטער צוגעפירט א סיבה - אז ער איז געווען ביי רבי ישראל'ן די לעצטע נאכט איידער מ'האט איהם גענומען אין שפיטאל אריין, ער איז געווען ביי רבי ישראל'ן די לעצט נאכט! איז ער צוגעקומען צו מיר - דער ישראל קאפל'ס, ישראל גאלדהאבער, און ער האט מיר געזאגט; איך בין געווארן אויס מתנגד! כ'בין געווען ביי רבי ישראל'ן די נאכט, און כ'האב געזעהן זיינע יסורים, און וויאזוי ער איז געווען פריילעך מיט די יסורים, און וויאזוי ער האט זיך אלעמאל אנגענומען די בארד מיט די פיאות, און האט געזאגט;

**וואס האב איך מיר צו זארגן אז כ'וועל קומען אויף יענער וועלט מיט די בארד און פיאות**! יא...

דאס איז למעלה מדרך הטבע - וואס ער האט אין הארץ דארף ער מיר דערציילן?! על כל פנים, פון דער נאכט אהן - האט ער מיר געזאגט - בין איך געווארן אויס מתנגד! דער רבי ישראל האט מיר געמאכט אויס מתנגד!

און ער האט פאר מיר דרך ארץ געהאט - פונקט דער היפוך אזוי ווי פריער איז געווען. ער האט פאר מיר דרך ארץ געהאט, און האט געהאט יראת הכבוד אזוי ווי פאר א מלך!...

און דאס וואס איר הערט איז נאר עפעס - נאר א תמונה, דאס וויאזוי די מעשה איז געווען, ס'נישט דאס. איך בין דאך געווען אין דעם, עד היום ליגט מיר נאך די גיפטן וויאזוי ער האט מיר געזידלט; פאר דיר - שערי ציון?! ביסט שוין ערגעץ א איד דו?! על כל פנים, ער האט פון מיר געמאכט אש און פארעך. און דאס וואס כ'האב געלערנט ליקוטי מוהר"ן מיט א התלהבות, האט ער נישט געקענט פארליידן. האט ער מיר אזוי געזידלט, און אזוי משפיל געווען. און ס'איז געווארן מהיפוך אל היפוך, אזוי אלע זיינע יארן - ווען ער פלעגט מיר זעהן האט ער געוואלט איך זאל רעדן צו איהם, אז איך זאל איהם דערציילן פון רבי ישראל'ן. פונקט מהיפוך אל היפוך! ער

איז געשטאנען גלייך ווי ער איז א גראבער יונג, ווי ער ווייסט פון גארנישט, און ער איז געשטאנען און מיר געקוקט אין מויל אריין!...

א מעשה - וואס דער הייליגער רבי קען מאכן אזעלכע פעולות...

ס'וועט איהם צונוץ קומען אויף יענער וועלט - ער איז שוין אויף יענער וועלט, דאס וועט איהם צונוץ קומען - וואס ער איז געווארן אויס מתנגד, און ער האט זיך אזוי מכניע געווען צו מיר - כ'ווייס וואס - ער האט געוואוסט אז איך בין א גראבער יונג...

*

*ההמשך יבא, ב"נ*